**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/17/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 30 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע האוזינג דעוועלאפמענט אין סירעקיוס**

***בעישאָר סיניאר רעזידענץ אין דער טאון אָוו אייסליפ פיגורירן 75 דירות פאר ערוואקסענע 55 יאר און העכער***

***צוועלף אפארטמענטס רעזערווירט פאר הויזגעזינדער וועלכע נויטיגן זיך אין אונטערהאלט סערוויסעס צוגעשטעלט דורך דער LGBT נעטווארק***

***דער LGBT נעטווארק׳ס טעכנאלאגיש פארגעשריטענע סיניאר צענטער וועט אנבאטן קאמיוניטי סערוויסעס און פראגראמען***

**בילד צו באקומען [דא]**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט דער פארענדיגונג פון 30 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע און אונטערהאלטנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין דעם האמלעט פון בעי שאָר אין סופאלק קאונטי. דער בעי-שאָר סיניאר רעזידענץ באזארגט 75 צוגענגליכע וואוינונגען פאר הויזגעזינדער מיט וויניגסטנס איין רעזידענט אין עלטער פון 55 יאר און העכער. דער LGBT נעטווארק וועט אפערירן א סיניאר צענטער אויף דער געביידע׳ס ערשטע שטאק.

"ניו יארק סטעיט׳ס קאמיוניטיס בליען ווען יעדער -- נישט נאר די עשירים און די יחסנים -- האט א זיכערער און צוגענגליכער פלאץ צו וואוינען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "צוליב דעם וועט מיין אדמיניסטראציע קעמפן צו דערגרייכן האוזינג גלייכבארעכטיגקייט פאר יעדן, איבערהויפט פאר ניו יארקערס וואס אידענטיפיצירן זיך אלס LGBTQ און זענען אפטמאל אומפראפארציענעל אפעקטירט דורך היימלאזיגקייט און האוזינג דיסקרימינאציע. דער בעי-שאָר סיניאר רעזידענץ איז נאך א ביישפיל פון אונזער אנטשלאסנקייט צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקערס האבן צוטריט צו בכבוד׳דיגע האוזינג וואס זיי קענען אפארדירן מיט די קעיר און שטיצע אין וואס זיי נויטיגן זיך אויף צו בליען."

דער בעי-שאָר סיניאר רעזידענץ אנטהאלט 75 דירות צוגענגליך צו הויזגעזינדער וועלכע פארדינען צווישן 30 און 80 פראצענט פון די דורכשניטליכע איינקונפט אין דעם געגנט. דער פראיעקט׳ס דעוועלאפער איז דער D&F דעוועלאפמענט גרופע על-על-סי.

צוועלף אפארטמענטס זענען רעזערווירט פאר הויזגעזינדער וועלכע נויטיגן זיך אין אונטערהאלט סערוויסעס צוגעשטעלט דורך דער LGBT נעטווארק. דער פראפערטי פיגורירט אן 8,000 סק. פוסיגע טעכנאלאגיש פארגעשריטענע סיניאר צענטער אפערירט דורך דער LGBT נעטווארק אויף דער געביידע׳ס אונטערשטע שטאק, וועלכס אפערירט סערוויסעס און פראגראמען פארבינדן מיט געזונט און וואוילזיין, עסנווארג און ערנערונג, און קונסט.

דער דעוועלאפמענט איז צוגענגליך פלאצירט נעבן ריטעיל געשעפטן, טראנספארטאציע, פארוויילונג, און מעדיצינישע סערוויסעס. יעדע דירה האט ענערדזשי סטאר עפלייענסעס און צענטראל עיר קאנדישען. דער געביידע האט א לאָנדרי רום, א קאמיוניטי צימער, אן אינטערקאָם סיסטעם און סעקיוריטי קעמערעס. עלעף דירות זענען צוגענגליך פאר מענטשן מיט באוועגונג אדער הערן אומפעאיגקייטן.

סטעיט פינאנצירונג פאר בּעי-שאָר סיניאר רעזידענץ רעכנט אריין פעדעראלע און סטעיט לאָו-אינקאם האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכס האבן געברענגט 19 מיליאן דאלער אין עקוויטי און 3.2 מיליאן דאלער אין סובסידי פון HCR. נאך פינאנצירונג איז געגעבן געווארן דורך CPC/ניו יארק סיטי ארבעטער רעטייערמענט סיסטעם, סופאלק קאונטי, א אפגעשטופטער דעוועלאפער אפצאל, און D&F/LGBT נעטווארק עקוויטי.

**HCR קאמישענער רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** "אונזער וועג צו ערהוילונג פון דער פאנדעמיע איז אנגעוויזן אויף אונזער אנטשלאסנקייט צו יוסטיץ און אונזערע באמיאונגען צו סערווירן די וועלכע נייטיגן זיך דאס מערסטע אין אונזער שטיצע. דורך אונזער מיטארבעט מיט דער LGBT נעטווארק און דער D&F דעוועלאפמענט גרופע האבן מיר געשאפן א זיכערע און צוציענדער וואוינונג סביבה פאר 75 הויזגעזינדער און א שפאגל-נייער סיניאר צענטער וואס וועט בענעפיטן און עררייכערן דעם LGBT קאמיוניטי אין סופאלק קאונטי. דער 32 מיליאן דאלערדיגע בּעי-שאָר סיניאר רעזידענץ אפערירט א ריי סערוויסעס און פראגראמען וועלכע וועלן באפולמעכטיגן איינוואוינער צו וואוינען שטאלצע, אקטיווע, געזונטע, און סיפוק׳דיגע לעבנס. אזעלכע פראיעקטן פארעהרן ניו יארק׳ס פארשידנמיניגקייט און פארברייטערן געלעגנהייטן און אריינגעמיגקייט פאר יעדן."

דער בּעי-שאָר סיניאר רעזידענץ איז א טיל פון דעם סטעיט׳ס פרעצעדענטלאזע 20 ביליאן דאלעדיגע פינף-יעריגע האוזינג פלאן צו מאכן האוזינג מער צוגענגליך און באקעמפן היימלאזיגקייט דורך בויען אדער פרעזערווירן מער ווי 100,000 צוגענגליכע היימען און 6,000 מיט אונטערהאלט סערוויסעס. זינט 2011 האט ניו יארק סטעיט האומס ענד קאמיוניטי ריניועל אינוועסטירט 366 מיליאן דאלער אין לאנג איילענד, וועלכע האט געשאפן אדער פרעזערווירט קרוב צו 3,000 צוגענגליכע היימען.

**פיטער דזשי. פלארי, הויפט שותף ביי D & F דעוועלאפמענט גרופע על-על-סי האט געזאגט,** "מיר ווילן דאנקען "NYS האומס ענד קאמיוניטי ריניועל", סופאלק קאונטי דעפארטמענט פון עקאנאמישע אנטוויקלונג און פלאנירונג, טאון אָוו אייסליפ, טאון אָוו אייסליפ אינדוסטריעלע אנטוויקלונג אגענטור, דער "לאנג איילענד האוזינג פארטנערשיפ", און, פארשטייט זיך, דער "LGBT נעטווארק" וואס האט באזארגט העכסט-נייטיג פינאנצירונג און שטיצע צו מאכן דער ערשט-פון-די-סארט האוזינג אווירקליכקייט. אן די שטיצע וואלט דער אויסערגעווענליך וויכטיגער דעוועלאפמענט נישט מעגליך געווען."

**דר. דעיוויד קילמניק, פרעזידענט און סי-אי-או פון דער "LGBT נעטווארק" האט געזאגט,** "מיר שטאלצירן זיך און שפירן זיך פארעהרט צו עפענען דעם לאנד׳ס ערשטער אויסער׳ן-שטאטישן LGBT און LGBT-געוואונשענע צוגענגליכע האוזינג און אונזער 3׳טע LGBT קאמיוניטי צענטער אין לאנג איילענד. די שטיצע וואס מיר האבן באקומען פון דאס גרונטשטיין לייגן עטליכע יאר צוריק ביז דער איצטיגער מאמענט צייגט אויף ווי ווייט אונזער קאמיוניטי האט שוין באוויזן אויפצוטוהן און וויאזוי מיר זענען פאר ווייטער צו ארבעטן אינאיינעם אויף ארומצונעמען דעם LGBT קאמיוניטי אין אונזער ראיאן. טראצדעם וואס מיר האבן נאך אסאך ארבעט וועט דער האוזינג און LGBT צענטער אינאיינעם מיט די געזונטהייט, יומען סערוויסעס און אדוואקאטיר פראגראמען וועלכע וועלן צוגעשטעלט ווערן וועלן פארזיכערן אז אונזערע LGBT באפעלקערונג עלטערט זיך מיט חן, אן מורא פון דיסקרימינאציע, און וועלן שטאלצערהייט ארויסוויזן, ארומנעמען, פאראכטן, און אנערקענען זייערע לעבנס. מיר דארפן זיכער מאכן אז מיר שעצן און נעמען אין אכט אונזערע עלטערע LGBT מענטשן, אזוי ווי עס איז געווען דער דור וואס האט אזוי שווער געקעמפט פאר די רעכטן מיט האבן היינט אלע."

**סענאטאר פיל באָויעל האט געזאגט,** "עס פריידט מיט אויפצונעמען דעם ערשטן LGBT-פריינטליכער צוגענגליכער סיניאר אפארטמענט קאמפלעקס צו דעם האמלעט פון בּעי שאָר. אין צוגאב צו געבן צוגענגליכע האוזינג, וועט דער טעכנאלאגיש פארגעשריטענע סיניאר סיטיזען צענטער, אנגעפירט דורך דער "LGBT נעטווארק" וועט זיין אויסערגעווענליך גינצטיג צו די איינוואוינער. איך דאנק דעם סטעיט "האוזינג ענד קאמיוניטי ריניועל" אגענטור פאר צושטעלן 3.2 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג וואס האט געהאלפן פארווירקליכן דעם היסטארישן האוזינג פראיעקט."

**סופאלק קאונטי עקזעקיוטיוו סטיוו בעלאון האט געזאגט,** "צוגענגליכע האוזינג איז קריטיש-וויכטיג צו וואקסן אונזערע דאונטאונס, און עס איז נישט נאר יונגע מענטשן וואס זוכן די סארטן דירות, נאר אויך אירע סיניארס זוכן צו שפארן און נעמען א פויזע פון די מעינטענענס פון באזיצן א היים. דער LGBT-גינצטיגע דעוועלאפמענט, דער ערשט-פון-די-סארט דא אין לאנג איילענד, וועט גיבן סיניארס וואס האבן זיך פריער געמוטשעט צו געפונען א פלאץ וואו זיי פילן אז זיי באלאנגען, א פערמאנענטע, זיכערע היים דא אין סופאלק קאונטי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן